## וואס זענען די פאדערונגען פארן האלטן רעקארד?

איר וועט האלטן טעגליכע רעקארדס פון אנוועזנהייט, די נומער פון מאלצייטן וואס מען האט סערווירט, מעניוס און מאס פון צוגעגרייטע עסן, ווי אויך די רעסיטס פון איינקויפן עסן. אין אלגעמיין, וועט איר אנהאלטן אינקאם בארעכטיגונג אפליקאציעס.

## ווען זאל איך זיך איינגעבן?

ווען איר האט באשטעטיגונג צו אנפירן די דעי קעיר פראגראם און איר הייבט אן צו איינשרייבן באטייליגער. אפליקאציעס ווערן אנגענומען סיי ווען.

## ווי אזוי געב איך זיך איין?

גייט צו https://pns.health.ny.gov/ אדער פארבינדט זיך מיט CACFP אויף **1-800-942-3858** צו פארלאנגען אן אפליקאציע. א שטאב מיטגליד וועט שאפן אינפארמאציע צו זיכער מאכן אז אייער פראגראם איז בארעכטיגט. אן אפליקאציע ספעציעל פאר אייך וועט געשיקט ווערן דורך די פאסט צו אויספילן.




**CACFP**
Child and Adult Care Food Program
New York State Department of Health

150 Broadway, Room 600
Albany, NY 12204
1-800-942-3858 (נאר אין ניו יארק)
(518) 402-7251
פאקס (518) 402-7252
cacfp@health.ny.gov
health.ny.gov/CACFP


די אינסטיטוציע שטעלט צו גלייכע מעגליכקייטן.

פאלגט אונז נאך אויף:
health.ny.gov
facebook.com/NYSDOH
twitter.com/HealthNYGov
youtube.com/NYSDOH

NEW YORK STATE | Department of Health

19328 (Yiddish) 11/22

# גוטע נערונג לוינט זיך




**אייער צענטער קען מעגליך זיין בארעכטיגט צו ווערן באצאלט פאר די מאלצייטן און איבערבייס וואס איר שטעלט צו.**


**CACFP**
Child and Adult Care Food Program
New York State Department of Health



# Child and Adult Care Food Program (קינדער און ערוואקסענע קעיר עסן פראגראם)

**האט איר א טשיילד קעיר צענטער, נאך שולע פראגראם, עמערדזשענסי שעלטער אדער ערוואקסענע דעי קעיר פראגראם? דארפט איר הילף צו סערווירן געזונטע מאלצייטן?**

די ניו יארק סטעיט׳ס קינדער און ערוואקסענע קעיר עסן פראגראם (Child and Adult Care Food Program, CACFP) צאלט פאר מאלצייטן און איבערבייס וואס ווערט סערווירט פאר קינדער ביז 13 יאר (פאר געוויסע פראגראמען ביז 19 יאר) און ערוואקסענע וועלכע זענען איינגעשריבן אין קעיר. רוב פראגראמען זענען בארעכטיגט - פון קליינע קינדער קעיר צענטערן ביז גרויסע קאמיוניטי סערוויס ארגאניזאציעס.





## וואס זענען די בענעפיטן פון CACFP?

צוריקצאל ווערט באצאלט מאנאטליך פאר מאלצייטן און/אדער איבערבייס וואס ווערט סערווירט פאר די קעיר באטייליגטע. רעגיסטרירטע דייעטישנס, אקאונטענטס און אנדערע CACFP שטאב וועט אייך העלפן אויספלאנירן געזונטע מאלצייטן און נאכקומען די פראגראם פאדערונגען.

## וויפיל צוריקצאל געלטער וועל איך באקומען?

די צאל צוריקצאל געלט ווערט באשטימט לויט די סארט מאלצייט וואס איז געווארן סערווירט. אויך, צענטערן וועלכע סערווירן נידריג-אינקאם פאמיליעס באקומען מער צוריקצאלונגען.

## וואס זענען די מאלצייט פאדערונגען?

- **פרישטיג** באשטייט פון מילך, א גרינצייג אדער פרוכט, און א גרעין אדער ברויט. איר קענט סערווירן פלייש אדער פלייש ערזאץ אנשטאט גרעין אדער ברויט ביז דריי מאל א וואך.
- **מיטאג** און **נאכטמאל** פאדערט זיך מילך, ברויט אדער גרעין, פלייש אדער פלייש ערזאץ, צוויי גרינצייגן, אדער א גרינצייג און א פרוכט.
- א **סנעק** באשטייט פון צוויי פון די פאלגענדע: מילך, פלייש אדער פלייש ערזאץ, ברויט אדער גרעין, אדער גרינצייג, אדער א פרוכט.

## וועלכע סארטן פראגראמען זענען בארעכטיגט?

- לייסענסד קינדער קעיר צענטערן וועלכע סערווירן קינדער אין עלטער פון 12 יאר און יונגער אדער אימיגראנט קינדער אין עלטער פון 15 יאר און יונגער.
- נאך שולע פראגראמען וועלכע סערווירן קינדער ביז 13 יאר. פראגראמען מוזן זיין לייסענסד/רעגיסטרירטע אדער מוזן האבן געווארן באשטימט אלס פטור פון באקומען לייסענס/רעגיסטראציע.
- נאך שולע פראגראמען פאר צענערלינגען עלטער פון 12 יאר זענען בארעכטיגט אויב זיי געפינען זיך אין א נידריג-אינקאם געגנט.
- ערוואקסענע דעי קעיר פראגראמען וועלכע סערווירן באגרעניצטע באטייליגטע אדער ערוואקסענע אין עלטער פון 60 יאר און עלטער. ערוואקסענע דעי קעיר פראגראמען מוזן האבן א באשטעטיגונג צו אנגיין פון א סטעיט אדער לאקאלע אגענטור.
- עמערדזשענסי שעלטערס וועלכע סערווירן קינדער ביז 19 יאר וועלכע וואוינען מיט איינע פון זייערע עלטערן אדער גארדיאן. שעלטערס מוזן האבן א באשטעטיגונג צו אנגיין פון א סטעיט אדער לאקאלע אגענטור.

בארעכטיגטע ארגאניזאציעס זענען די וועלכע האבן באקומען א פטור-פון-שטייער סטאטוס (געווענליך 501(c)(3)) פון די אינטערנאל רעווענו סערוויס, פובליק שולעס און אנדערע גאווערנמענט איינהייטן.

פאר-פראפיט ארגאניזאציעס זענען בארעכטיגט אויב כאטש 25% פון באטייליגער האבן א נידריג אינקאם.